**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש'ס נייע 12.5 מיליאן דאלארדיגע STEM בילדונג צענטער אין סאראטאָגע קאונטי**

***צוויי-שטאקיגע, 14,500 סקווער-פיסיגע געביידע צו דינען 1,100 סטודענטן און ארייננרעכענען ערשט-קלאסיגע לאבארעטאריעס פאר אנאטאמיע, ביאלאגיע, כימיע, מיקרא-ביאלאגיע און פיזיאלאגיע***

***געמאלענע בילדער פון די דעזיין זענען פאראפענטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש'ס (Hudson Valley Community College, HVCC) נייע STEM בילדונג צענטער ביי די האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש נאָרט סניף צענטער וואס געפונט זיך אין די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority) סאראטאָגע טעכנאלאגיע און ענערגיע פארק (Saratoga Technology and Energy Park) אין מאלטא, סאראטאָגע קאונטי. איינמאל עס וועט פארענדיגט ווערן, וועט די נייע צוויי-שטאקיגע, 14,500 סקווער-פיסיגע געביידע ארייננרעכענען ערשט-קלאסיגע לאבארעטאריעס פאר אנאטאמיע, ביאלאגיע, כימיע, מיקרא-ביאלאגיע און פיזיאלאגיע, און אזוי אויך קלאסצימערן, סטודענט שטיצנדע פלעצער און אפיסעס צו דינען בערך 1,100 סטודענטן.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע בילדונג, וועלן טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען ווי די ברענגען לעבנ'ס טוישנדע בילדונג צו צאללאזע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן זיך ארייננלייגן אין קריטישע פעלדער ווי וויסנשאפט און טעכנאלאגיע, וועלן מיר גיבן פאר ניו יארקער די סקילס וואס זיי דארפן צו האבן א געלעגנהייט צו מצליח זיין אין די היינטיגע דזשאב מארקעט וואס האלט זיך אין איין טויש. אזוי ווי מיר בויען צוריק אונזער עקאנאמיע, וועלן אזעלכע פראיעקטן העלפן זיכער מאכן אז ניו יארק בלייבט די מערסטע ביזנעס- און ארבייטער-פריינטליכע סטעיט אין דאס לאנד."

די צענטער איז איין טייל פון די קאלעדזש'ס 12.5 מיליאן דאלארדיגע HVCC North פארברייטערונג פראיעקט, וואס רעכנט אריין ניו יארק סטעיט אינוועסטירונג אין די סומע פון בערך 8.5 מיליאן דאלאר. צוזאמען מיט רענאוואציעס צו די קאלעדזש'ס שטייענדע טרעינירונג און בילדונג צענטער פאר סעמי-קאנדאָקטער פאבריצירונג און אלטערנאטיווע און ענווייראמענט-פריינטליכע טעכנאלאגיעס ( Training and Education Center for Semiconductor Manufacturing and Alternative and Renewable Technologies, [TEC-SMART]()) איינריכטונג איז די נייע STEM בילדונג צענטער א הויפט באשטאנדטייל פון די קאלעדזש'ס פלאן צו פארמערן צוטריט צו בילדונג און ארבעטסקראפט טרענירונג געלעגנהייטן דורך נייע איינריכטונגען, טעכנאלאגיע און אויסלערנען.

HVCC North, וואס איז ערוואַרטעט צו פאַרענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2023, וועט שאַפן די פלאַץ און רעסאָרסן וואס פעלן זיך אויס פאַר מער פון 30 דעגרי און סערטיפיקאַט פּראָגראַמען, און אַזוי אויך קורצ-טערמיניגע קלאַסן פאַר אַרבעטסקראַפט און פּראָפעסיאָנאַלע טרענירונג וואס ווערן צוגעשטעלט אָן קאַלעדזש קרעדיטס. עס וועט אויך פאַרברייטערן די בילדונג און אַרבעטסקראַפט טרענירונג געלעגנהייטן און גאַר ספּעציאַליזירטע און וואַקסנדע פעלדער אין העלטקעיר, STEM און ביזנעסער וועלכע פאָדערן ספּעציעלע סקילס. HVCC North וועט ערלויבן די קאַלעדזש צו טרענירן הונדערטע סטודענטן און אַדרעסירן דרינגנדע אינדוסטריע באַדערפענישן, בשעת'ן האַלטן די אַרבעטסקראַפט לאָקאַל און גיבן אַ באַדייטנדע עקאָנאָמישע שטופּ פאַראויס פאַר די הויפּטשטאָט ראַיאָן אַזוי ווי די קאַלעדזש טרענירט אַ גרעסערע טייל פון די אַרבעטסקראַפט אויף אַ שנעלערן פאַרנעם.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאַנער האָופּ נייט האט געזאָגט,** "אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג איז קריטיש צו קענען שאַפן גענוג טאַלאַנטירטע מענטשן מיט די נויטיגע סקילס פאַר STEM דזשאַבס אַזוי ווי ניו יאָרק סטעיט ווערט אַ וואַקסנדע צענטער פאַר סעמי-קאַנדאָקטערס און אַנדערע הויפּט אינדוסטריעס. HVCC North ערשט-קלאַסיגע איינריכטונגען וועלן גיבן פאַר סטודענטן צוטריט צו דזשאַבס פון די צוקונפט וואס מיר שאַפן יעצט און פאַר די צוקונפט פון די עמפּייער סטעיט."

**SUNY צייטווייליגע טשענסעלאָר, דעבאָראַ פּ. סטענלי, האט געזאָגט,** "האַדסאָן וואַלי קאָמיוניטי קאַלעדזש'ס STEM בילדונג צענטער האַלט אין איין וואַקסן צו זיכער מאַכן אַז געלעגנהייטן פאַר טרענירונג און פאָרשונג זענען צוגענגליך און גרייטן צו סטודענטן מיט הצלחה אַלץ די קומענדיגע דור פון טאַלאַנטירטע אַרבייטער. ניו יאָרק סטעיט דאַרף גוט-צוגעגרייטע און זעלבסט-זיכערע אַרבייטער צו טרייבן די הצלחה פון די 21'סטע יאָר-הונדערט ביזנעסער און אינדוסטריעס. אונזערע קאַמפּוסן זענען ווערטפול טרענירנדיג סטודענטן צו נוצן נייע טעכנאָלאָגיע אין אינדוסטריעס וואס פאָדערן אַסאַך. איך גראַטוליר HVCC אויף די פאַרברייטערונג, און איך באַדאַנק גאווערנער האָקול און אונזערע ערווייַלטע פירער פון טיפן האַרצן פאַר די באַדייטנדע אינוועסטירונג וואס ערמעגליכט די וואוקס."

**האַדסאָן וואַלי קאָמיוניטי קאַלעדזש פּרעזידענט ראָדזשער רעמסעמי האט געזאָגט,** "די האַדסאָן וואַלי קאָמיוניטי קאַלעדזש איז גאַר באַגייסטערט צו אָנהויבן די אַרבעט אויף אונזער נייע STEM בילדונג צענטער אַלץ טייל פון די קריטישע האַדסאָן וואַלי קאָמיוניטי קאַלעדזש נאָרט פאַרברייטערונג פּראָיעקט. אַזוי ווי די באַדערפענישן פון אונזערע לאָקאַלע אַרבעטסגעבער זעצן פאָר זיך צו טוישן, איז דאָס אונזער ציהל צו זיין די לאָקאַלע פירער אינעם טרענירן די אַרבעטסקראַפט פון די צוקונפט. די דעוועלאָפּמענט פון האַדסאָן וואַלי קאָמיוניטי קאַלעדזש נאָרט וועט אונז ערלויבן צו טוהן גענוי דאָס, און מיר זענען גאַר דאַנקבאַר פאַר די שטיצע פון אונזערע פירער און בעאַמטע, קאָמיוניטי און ביזנעס שותפים, אַזוי ווי מיר אַרבעטן צו פאַרברייטערן די גרעניצן און צוטריט פאַר די סטודענטן פון אונזער ראַיאָן און טרענירן די סטודענטן צו ערפילן די דזשאַבס וואס אונזערע לאָקאַלע אינדוסטריעס דאַרפן צו קענען בליהען."

דער פּראָיעקט איז געשטיצט געוואָרן דורך אַ 2.5 מיליאָן דאָלאַרדיגע עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט אינוועסטירונג גרענט, רעקאָמענדירט דורך די הויפּטשטאָט ראַיאָן עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָונסיל (Capital Region Economic Development Council) אין צוגאַב, זענען גרויסע ביישטייערונגען צו דעם פּראָיעקט'ס פינאַנצירונג געמאַכט געוואָרן דורך SUNY (6 מיליאָן דאָלאַר) און דורך סאַראַטאָגאַ קאָונטי (1.5 מיליאָן דאָלאַר) און אַזוי אויך דורך אָרגאַניזאַציעס אַריינרעכענענדיג GlobalFoundries, Northern Borders און די Hearst Foundation.

לעצטע זומער האט GlobalFoundries אָנאָנסירט אַ $500,000 געשאַנק פאַר דעם פּראָיעקט וואס וועט גיין צו בויען אַן אַרבעטסקראַפט טרענירונג און אַפּרענטיסשיפּ צענטער (Workforce Training and Apprenticeship Center) אין HVCC North. די געשאַנק וועט העלפן פאַרבעסערן די קאַלעדזש'ס

יעצטיגע איינריכטונגען און בויען נייע, אריינרעכענענדיג א פארגעשריטענע ראדיאו פריקווענסי/וואקום טעכנאלאגיע לאבארעטאריע, א פארגעשריטענע Mechatronics לאבארעטאריע און דאס מאדערניזירן די ריינע צימער לאבארעטאריע וואס געפונט זיך יעצט אין TEC-SMART.

פאראייניגטע שטאטן קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט אויך אויסגערעכנט דעם HVCC North פראיעקט צווישן די 15 [פיסקאלע יאר 2023 קאמיוניטי פינאנצירונג פראיעקטן וואס ער האט לעצטנס אריינגעגעבן] פאר פינאנצירונג פון $2,065,000 פאר די קאנגרעס קאמיטע פאר צוטיילונגען ( House Committee on Appropriations) פאר פעדעראלע פינאנצירונגביישטייערונגען.

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "HVCC איז שוין פון לאנג א קריטישע שותף אין די באמיאונגען צו מאכן אונזער הויפטשטאט ראיאן פאר א גלאבאלע צענטער פון טעכנאלאגיע און STEM בילדונג, און איך בין שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט לאקאלע פירער צו פייערן די פארברייטערונג פון די HVCC North קאמפוס. דער פראיעקט וועט פארבעסערן ארבעטסקראפט טרענירונג געלעגנהייטן, פארמערן די מעגליכקייטן פון וויפיל סטודענטן וועלן קענען אנגענומען ווערן צו לערנען געזונטהייט וויסנשאפט, STEM און פראגראמען פאר פעלדער וועלכע פאדערן ספעציאליזירטע סקילס – פאר וועלכע עס איז דא א גרויסע פארלאנג פאר ארבייטער – צו אנהויבן קאריערעס אין אונזער ראיאן'ס מערסטע באגייסטערנדע און אויפשטייגנדע אינדוסטריעס. איך בין געווען שטאלץ צו שטופן פאר באדייטנדע פעדעראלע פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט אלץ טייל פון די היי-יאריגע קאמיוניטי פראיעקט פינאנצירונג איניציאטיוו, און איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע ווירקונגען וואס דער פראיעקט וועט האבן אויף אונזער ראיאן."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאנעלד, דער דריטער, RPh, האט געזאגט,** "די נייע האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש STEM בילדונג צענטער איז א געוואלדיגע אינוועסטירונג אין די אויפשטייגנדע טעכנאלאגיעס פון די צוקונפט. א דאנק אייך, גאווערנער קעטי האקול, קאנגרעסמאן טאנקאו, האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש און אלע שותפים וועלכע ארבעטן צו זיכער מאכן אז ניו יארק געפונט זיך אין די פאדערשטע שורות אין STEM בילדונג און קען אנטוויקלען די ארבעטסקראפט וואס פעהלן זיך אויס צו ברענגען נייע געדאנקן און פארשריט אין די פעלדער פון העלטקעיר, STEM און פעלדער וואס פאדערן ספעציאליזירטע סקילס."

**איבער האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש**

געגרונדעט אין 1953, שטעלט האדסאן וואלי קאמיוניטי קאלעדזש צו איבער 85 דעגרי און סערטיפיקאט פראגראמען אין דריי סקולס: ביזנעס און ליבעראלע ארטס; געזונטהייט וויסנשאפט; און וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, ענדזשענירונג און מאטעמאטיק; און א בילדונג געלעגנהייט צענטער פאר אקאדעמישע און קאריערע טרענירונג. זייענדיג איינס פון 30 קאמיוניטי קאלעדזשעס אין די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) סיסטעם, האט עס כמעט 9,500 וואס שרייבן זיך איין און איז באקאנט אלץ פירער אין איניציאטיוון אינעם לערנען פונדערווייטנס און ארבעטסקראפט טרענירונג. האדסאן וואלי האט מער פון 80,000 גראדואירטע סטודענטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418